גוט שבת אלע אידן. די תורה דערציילט די וואך ווי יוסף הצדיק ע"ה האט זיך אנטפלעקט פאר זיינע ברידער. ווען יוסף הצדיק האט גערעדט מיט זיינע ברידער, ער האט דערמאנט די השגחה פרטית מיט וואס דער אייבערשטער פירט דעם וועלט. יוסף הצדיק זאגט צו זיינע ברידער אז "...ועתה לא אתם שלחתם אתי הנה כי האלקים." (בראשית מה,ח) פון דא זעט מען דעם ענין פון השגחה פרטית. א איד דארף לעבן מיט דער הכרה אז אלעס איז געפירט פון הימעל מיט א פונקטליכע חשבון.

די קרעמער משפחה איז א פרייע אידישע משפחה וואס וואוינט היינט אין סויט אפריקא. די קרעמערס זענען טראדישינאל אידן, אבער ליידער זענען זיי נישט קיין שומר שבת. די אינטערסאנטע מעשה וואס מיר דערציילן די וואך איז געשען בערך צען יאר צוריק מיט די קרעמער'ס זון "עריק" וואס איז דעמאלט געווען דריי און צוואנציג יאר אלט. איין טאג האט מען גערעדט א שידוך פאר עריק. דאס מיידל איז אויך געקומען פון א נישט שומר שבת משפחה.

אין די צייט וואס די קרעמערס האבן איבערגעטראכט די שידוך, איז נעבאך געשען א מוראדיגע אומגליק צו דעם מיידל'ס משפחה, וואס האט געהייסן "בורטמאן." א זון פון דעם בורטמאן משפחה איז נעבאך זייער קראנק געווארן, ל"ע. עס האט נישט אויסגעקוקט אזוי גוט פאר דעם בחור. מר. בורטמאן האט זיך אונטערגענומען אז טאמער זיין זון וועט האבן א רפואה שלימה, וועט ער מיט זיין גאנצע משפחה ווערן בעלי תשובה.

א שטיק צייט שפעטער, האט מר. בורטמאן געהערט וועגן א דאקטאר אין באסטון, וואס מאכט א נייע מין פרוצעדארע וואס וועט קענען אפשר ראטעווען זיין זון'ס לעבן. באלד דערנאך זענען די בורטמאן'ס מיט זייער זון טאקע געפארן קיין באסטון צום נייעם דאקטאר.

ב"ה אז די פראצעדורע האט מצליח געווען און דער בחור האט אנגעהויבן צו שפירן בעסער און בעסער. ווען די בורטמאנס זענען צוריקגעקומען קיין סויט אפריקא, האט מר. בורטמאן געוואלט גלייך מקיים זיין זיין נדר צו ווערן פרום. און אזוי איז ב"ה די גאנצע בורטמאן משפחה טאקע געווארן שומר שבת.

בקיצור, ביז דערוויל האבן זיי נאך נישט געשלאסן דעם שידוך, צוליב דעם וואס דער ברודער פון דעם מיידל איז געווען נישט געזונט, וכו'. יעצט אבער, אז דער מצב מיט דעם חולה איז געווארן אסאך בעסער ב"ה, האט מען ווידער גערעדט דעם שידוך.

עס איז אבער געטוישט געווארן די מציאות פונעם שידוך, מיט דעם וואס די בורטמאנס זענען געווארן ב"ה שומר שבת. אויב אזוי, ווי אזוי קענען זיי נעמען דעם קרעמער בחור וואס איז נישט געווען שומר שבת? אפילו די קרעמערס האבן שטארק געוואלט דעם שידוך,האבען די בורטמאנס יעצט בשום אופן נישט מסכים געווען דערצו. נו, דער רבונו של עולם איז דאך דער מזווג זיווגים... און דאס שידוך איז יא געווארן נאך אן אינטערסאנטע השתלשלות.

אזוי ווי מען האט פריער דערמאנט, זענען די קרעמערס געווען "טראדישינאל" אידן. דאס מיינט אפילו זיי האבן נעבאך נישט געהאלטן שבת, זענען זיי געגאנגען צו אן ארטאדאקסישע שול יעדען פרייטאג צונאכטס און נאכדעם האבן זיי געגעסן די שבת סעודה צוזאמען אינדערהיים. איין זאך איז אבער ליידער געווען, אז זיי זענען ליידער אהיימגעפארן פונעם שול נאכן דאווענען מיט א קאר פרייטאג צונאכטס.

איין פרייטאג צונאכטס, זענען מר. און מרס. קרעמער מיט זייער זון "עריק" געפארן צום שול, אזוי ווי זיי האבן זיך געפירט יעדע וואך. יענע וואך איז דער רב פונעם שול נישט געווען דארט און עס איז פונקט געקומען א סאבסטיטוט פון אמעריקע. אזוי ווי די מנהג איז אין יענע שול, זאגט דער רב א דרשה פרייטאג צו נאכטס. יענער רב, דער "סאבסטיטוט" האט גערעדט יענע וואך וועגן דעם ענין פון "מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה." דער בחור עריק האט אלעס צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. די ווערטער פון יענעם רב האט געמאכט א גרויסען רושם אויף אים. ביז היינט ווייסט עריק נישט פארוואס דעם רושם איז געווען אזוי שטארק.

בקיצור, נאכעם דאווענען, ווען די קרעמער משפחה האט זיך געטראפן אויפן גאס גרייטן זיך אהיימצופארן כמנהגם, האט עריק פלוצלינג געזאגט פאר זיין עלטערן אז ער וויל אהיימגיין צו פיס, ווייל ער וויל היטן שבת און ער וויל דעם שידוך מיט די בורטמאנס!

זיינע עלטערן האבן נישט פארשטאנען... עס איז דאך געווען א לאנגע וועג אהיים, עס איז געווען שווערע וועטער דעמאלט און עס האט געהאגעלט דעמאלט אויך. אבער דאך האט זיך עריק ב"ה געעקשנט אז ער האט נישט געוואלט פארן מיטן קאר. ער האט געזאגט צו זיינע עלטערן אז זיי זאלן נישט ווארטען אויף אים, נאר זיי זאלן אנפאנגען די סעודה אהן אים.

עטליכע שעה שפעטער איז עריק אהיימגעקומען. מר. קרעמער האט געעפענט דעם טיר דערווארטן צו זען זיין זון אינגאנצען נאס פונעם שטורעם. אבער, הפלא ופלא! עריק איז געווען אינגאנצען טריקען. עריק'ס טאטע האט נישט פארשטאנען ווי אזוי קען עס זיין, ער האט אפילו געטראכט אז עריק האט צום סוף אויפגעגעבן און ער איז געפארן מיט א קאר. דאן האט עריק דערציילט דעם מוראדיג "נס" וואס ער האט זוכה געווען דערצו אויפן וועג אהיים.

עריק האט דערציילט דעם מוראדיגען מעשה וואס איז שווער צו גלייבן. אבער דער מעשה איז א פארלעסליכע מעשה וואס הרה"ג אברהם חיים פויער שליט"א האט אליינס געהערט פון עריק. בקיצור, איז דאס וועטער טאקע זייער שווער געווען יענע פרייטאג צונאכטס ווען עריק האט געוואלט אהיימגיין צו פיס. עריק האט דערציילט אז בשעת ער איז געגאנגען האט עס נישט גערעגנט און נישט געהאגעלט אויף אים. נאר, האבן די וואלקענעס זיך געעפענט און די לבנה האט דורכגעשיינט אויף אים און באגלייט אים דעם גאנצען וועג אהיים! און אזוי איז ער געבליבן טריקען!

ב"ה אז דאס שידוך איז געווארן און עריק בויט כרגע א בית נאמן בישראל, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

ווען רב פויער האט ערשט געהערט דעם מעשה האט ער געוואלט טרעפן עריק און הערן דעם מעשה פון אים אליינס, ווייל עס איז געווען שווער פאר אים צו גלייבן אז דער מעשה איז טאקע אמת. איין יאר ט' באב, איז רב פויער געווען אין סויט אפריקא. ער האט געזוכט און ב"ה געטראפן עריק, (וואס הייסט שוין לכאורה אפרים צו וואס), און עריק האט דערציילט דעם מעשה אזוי ווי עס איז געשען.

ווען רב פויער איז צוריקגעקומען קיין אמעריקא פון סויט אפריקא, איז ער געגאנגען איין טאג קיין ישיבת אור שמח. נאכן מארגען סדר, האט ער געגעסן לאנטש. זיצענדיק ביי זיין טיש איז געווען א צווייטער רב וואס איז אויך עוסק מיט בעלי תשובה. רב פויער האט דערציילט דעם מעשה וועגן עריק. און ווען רב פויער האט געענדיגט דערציילן, האט יענער רב געשפרינגען פון שמחה, ווייל ער איז געווען יענער סאבסטיטוט רב וואס האט געגעבן די דרשה וואס האט מעורר געווען עריק און משנה געווען דורות! גוט שבת אלע אידן.



נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חי' שרה , שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**